# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

112

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל
תל־אָבֿיבֿ
1984

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# גרינע הורנזין!

## (דערציילונג)

צו מאָרגנס, נאָך דער אַלגעמיינער קרעמאַטאָריע־סעלעקציע, איז אָנגעקומען אַ נײַער טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ.

דאָס זענען געווען די לעצטע איבערבלײַבעכצן פֿון דײַטשע אַרבעטס־לאַגערן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קרעמאַטאָריעס און קיין שום אַנדערע באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיי מאַכן ראוי צו טראָגן דעם נאָמען פֿון אַ זעלבשטענדיקן דײַטשן קאַצעט.

דאָס זענען אויך געווען לעצטע רעשטלעך פֿון לאַנג שוין ליקווידירטע געטאָס, רעשטלעך וואָס די דײַטשן האָבן איבערגעלאָזט, כּדי זיי זאָלן העלפֿן אויסגעפֿינען אוצרות, וואָס ייִדן האָבן מיט זיך מיטגענומען בײַם לויפֿן זיך באַהאַלטן אין די בונקערס און זיי דאָרטן באַגראָבן. ווער אַחוץ ייִדן גופֿא קאָן וויסן פֿון די גאונישע המצאות, וואָס געטאָ־מוחות האָבן צוגעטראַכט, ווו צו פֿאַרשטעקן די פֿאַרמעגנס? האָבן טאַקע די איבערגע־בליבענע ייִדישע „זוך־קאָמאַנדאָס" באַגלייט טאָג־טעגלעך די דײַטשן און, ווי אויס־דרעסירטע שפּירהינט, זענען זיי געקראָכן פֿאָרויס אין די פֿאַרבאָרגנסטע לעכער אונטער די חורבֿות פֿון דער ליידיקער געטאָ און מיטן שאַרפֿסטן חוש־הריח פֿון זייערע נעז האָבן זיי אויסגעשמעקט נאָך אַ פּאָר טעג לעבן פֿאַר זיך.

דער עלף־יאָריקער מאָני, דער געוועזענער פּיפּל אין לאַגער, דער אַלטער קאַצעט־ניק, איז געלעגן אויף איינער פֿון די אייבערשטע באָקסעס און אַראָפּגעקוקט אויף די נײַ געקומענע. דער בלאָק איז איצט געווען ווידער פֿול געפּאַקט. די נײַע האָבן זיך געדרייט פֿון ביידע זײַטן ציגל־אויוון. זיי האָבן אויסגעפֿילט אַלע דורכגענג צווישן די באָקסעס. זיי קוקן אַרום זיך מיט פּרעגנדיקע אויגן: פֿון אַן אַ שיעור ייִדנריין־אַקציעס איז איטלעכער פֿון זיי ניצול געוואָרן; פֿון אַן אַ שיעור לאַגערן זענען זיי אַרויס מיטן לעבן; פֿון אַ סך טויטן איז זיי געראָטן זיך אַרויסצורײַסן. אָט איז אוישוויץ! דער קאַצעט אוישוויץ! צי וועט זיי אויך דאָ געראָטן?

פֿון די אויפֿגעריסענע הויזן האָבן צו מאָנין אַרויסגעקוקט די ביינער פֿון זײַנע פּיס, ווי צוויי דינע, געלע שטריען. זיי האָבן געזאָגט: מאָני, דו ביסט אַ מוזלמאַן! ער האָט זיך געשעמט פֿאַר די נײַ געקומענע מיט זײַן סקעלעטישן אויסזען. ס'האָט אים ווײ געטאָן די חרפּה. בקרובֿ וועט ער ליגן הינטערן בלאָק, אָט די געלע פּיסשפּענדלעך וועלן אַרויסשטאַרצן פֿון דער קופּע טויטע מוזלמענער. קיינער וועט נישט וויסן, אַז דאָס זענען פּיס פֿון איינעם וואָס איז דאָ געווען אַ מאָל אַ פּיפּל אין אַלע בלאָקן פֿון לאַגער.

ער האָט געפֿילט אַז ס'איז אים זייער קאַלט און האָט מער נישט געקאָנט ליגן. ער איז אַראָפּגעקראָכן פֿון די ברעטער. אונטן איז געווען אַ געדראַנג און אַ געטומל, דער בלאָק האָט געליאַרעמט און געפּילדערט מיט די נײַ געקומענע. באַקאַנטע פֿון פֿריִערדיקע לאַגערן האָבן טומלענדיק אויסגעזוכט בשותּפֿותדיקע באָקסעס. זיי האָבן אויסגעשריגן

די נעמען פֿון די זוכערס אויף די דריט־שטאָקיקע באָקסעס און פֿון אויבן האָבן יענע צוריקגעשריגן: געפֿונען אַן ערשטקלאַסיקע באָקסע! אַלע האָבן געגרעשט, אַלץ אַרום האָט געקאָכט מיטן אײַנאָרדענען זיך. זיי האָבן געשאַפֿן אַרום זיך אַ משונהדיקע אַטמאָספֿער, ווי אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון אַ פֿרעמדער וועלט. זיי האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען מענטשן מיט מענטשלעכע באַדערפֿענישן. עס האָט פֿון זיי געשלאָגן אַ שאַרפֿע, רייצנדיקע לופֿט. די לופֿט פֿון דרויסן.

דאָס ערשטע מאָל פֿון זינט ער געפֿינט זיך אין לאַגער האָט מאָני איצט דערפֿילט אַ כּעס אויף דעם בהמהדיקן אומוויסן פֿון די נײַע. אָן אַ שיעור מאָל האָט ער דאָ געזען דעם אָנקום פֿון אַ נײַעם „צוגאַנג". שטענדיק דאָס זעלביקע: דער ערשטער בליק בײַם אָנקומען אויפֿן אוישוויצער פּלאַץ איז באַגלייט מיט אַ באַהאַלטענער צופֿרידנקייט — מע לעבט דאָ! דאָס איז געווען די רעאַקציע אין ערשטן טאָג פֿון אַ נײַ געבראַכטן קיין אוישוויץ, פֿאַרשטייט זיך אויב מע האָט אים נישט גלײַך פֿון דער באַנראַמפּע געשיקט מיט אויטאָמאָבילן אין קרעמאַטאָריע. קיין מאָל האָט דאָס בהמהדיקע אומוויסן פֿון די נײַ געקומענע מאָני נישט געאַרט. אָבער דאָס מאָל ברענט אין אים אַ צאָרן: וואָס קאָכן זיי זיך? וואָסער אײַנאָרדענען זיך אויף זייער קאָפּ, מיט אַזאַ רעש און התלהבֿות? צי זעען זיי נישט ווו זיי געפֿינען זיך? דאָ איז דאָך אוישוויץ? דער קאַצעט אוישוויץ!

ער וואָלט זיי געקאָנט זאָגן אַ פּאָר ווערטער. בלויז אַ פּאָר ווערטער. כאָטש אַן אַלטער העפֿטלינג דערציילט קיין מאָל נישט די נײַ געקומענע וואָס עס דערוואַרט זיי דאָ. נישט חלילה פֿון גרויס רחמנות. נאָר פּשוט, ס'איז נישט קיין כּבֿוד פֿאַר אַן אַלטן העפֿטלינג זיך אַוועקשטעלן אויסשמועסן מיט אַ גרינעם הורנזון. אַן אַלטער העפֿטלינג קוקט אויפֿן אײַנאָרדענונג־געפֿילדער פֿון נײַ געקומענע ווי עס קוקן דערוואַקסענע אויף אַ לאַנגווײַליקער שפּיל פֿון קינדער. נאָך אַ קורצער צײַט וועט מען זיי סײַ ווי שלעפּן צו דער קופּע פּגרים הינטער די בלאָקן, אויב זיי וועלן נישט פֿריִער אַוועק מיט די סעלעקציעס צו דער קרעמאַטאָריע. וואָס איז דעריבער דאָ פֿאַראַן צו דערציילן? און מיט וועמען איז דאָ בכלל כּדאַי זיך אויסצושמועסן? זיי וועלן שוין אַליין קלוג ווערן. אויף דער קופּע הינטערן בלאָק וועלן זיך זייערע אויגן שוין אַליין עפֿענען.

צום ערשטן מאָל האָט איצט אין אים געברענט אַ ווילן אָפּצושטעלן אַזאַ איינעם אין דער מיט פֿון זײַן טומלדיקער פֿאַרפֿאַרעטקייט און אַרײַנזעצן אַ פּאָר ווערטער אין זײַן תּמעוואַטן פּרצוף. בלויז אַ פּאָר ווערטער! דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט געפֿילט אַ כּעס אויף זייער בהמהדיקן אומוויסן. אפֿשר ווײַל צום ערשטן מאָל האָט ער איצט געפֿילט, אַז כאָטש ער איז אַן אַלטער העפֿטלינג, איז זײַן גורל אַצינד דער זעלבער ווי זייער גורל. צו אָט דעם הײַנטיקן טראַנספּאָרט איז ער פֿאַרבונדן מיט אַ טויטלעכן פֿאַרבונד. ער געהערט צו זיי. אָט דעם טראַנספּאָרט וועט ער נישט איבערלעבן. צוזאַמען מיט זיי וועט ער אַוועק אין קרעמאַטאָריע.

פֿון אַן אייבערשטער באָקסע האָבן צו אים אַראָפּגעקוקט עטלעכע נײַ געקומענע. זיי האָבן זיך צווישן זיך געשושקעט, ווי זיי וואָלטן געזען אַ שרעקבילד. ער האָט אַרויפֿ־געהויבן צו זיי דעם קאָפּ: ער וואָלט זיי איצט געקאָנט דערציילן אַזאַ סאָרט, אַז עס וואָלט זיי באַלד פֿאַרגאַנגען דער חשק זיך צו מיאוסן פֿאַר זײַן צורה. נאָר דער שטאָלץ פֿון אַן אַלטן העפֿטלינג האָט אים אָפּגעהאַלטן זיך אויסצוטענהן מיט זיי. אָט דעם שטאָלץ פֿון אַן אַלטן העפֿטלינג האָט ער נאָך נישט פֿאַרלוירן. ער האָט בלויז אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ גרינגשאַצנדיקן בליק צו דער פֿול־געפּאַקטער באָקסע: גרינע הורנזין! נײַער טראַנספּאָרט!

צוגענגלער! — האָט ער געמורמלט און געשלעפּט די דינע שפּענדלפּיס צום אַרויסגאַנג פֿון בלאַק.

טויזנטער נײַ געקומענע האָבן אין דרויסן זיך געדרייט אַהער און אַהין. נעכטן איז דאָ געווען ליידיק. איצט איז אומעטום אַן ענגעניש און געדרענגעניש. אויף די הויפּטוועגן און הינטערוועגן; צווישן די בלאָקן און אין די בלאָקן; אין דער לאַטרינע — די בורסע פֿון לאַגער — און אויף די אַפּעלפּלעצער אַרום דער לאַטרינע. סוחרים דרייען זיך דאָ פֿאַרפּאַרעטע; גרויסע סוחרים און קליינע סוחרים. אַלץ איז ווידער ווי נעכטן, אייערנעכטן, נאָר דאָס זענען אַלע נײַע פּנימער, פֿרעמדע, נײַ געקומענע. נישטאָ צו וועמען אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט געהאַט אַ געפֿיל ווי ער, מאַני, דער אַלטער העפּטלינג אין אוישוויץ, וואָלט פּלוצעם דאָ אויסגעשפּיגן געוואָרן אין אַ פֿרעמדן לאַגער; ווי נישט זיי וואָלטן הײַנט אָנגעקומען צו אים, אין זײַן לאַגער, נאָר ער צו זיי, אין זייער לאַגער.

ער איז געווען דערשלאָגן און פֿרעמד צו זיך גופֿא.

גרופּעס, געקומענע פֿון איין לאַגער, פֿון איין געטאָ, האָבן לעבן אים פֿאַרבײַגעשטראָמט. איטלעכער פֿון זיי האָט נאָך געהאַט אַן עמעצן מיט וועמען צו רעדן, ווי תּמיד דעם ערשטן טאָג אין אוישוויץ. בלויז ער האָט זיך געפֿילט פֿרעמד און עלנט. ער איז געווען דער איינציקער גרינער. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש צו די סקעלעטן־פּנימער, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, מיט וועלכע ער איז ערשט מיט צוויי טעג צוריק געווען דאָ, און ער האָט נישט געוווּסט צי ס'וואָלט נישט געווען בעסער ווען ער וואָלט צוזאַמען מיט זיי געווען אַוועק אין קרעמאַטאָריע. צום ערשטן מאָל איז אין אים אויפֿגעקומען די שאלה: וואָס אייגנטלעך קומט דאָרט פֿאָר אין קרעמאַטאָריע? איטלעכער האָט מורא פֿאַר דער קרעמאַטאָריע און נישטאָ אַפֿילו איין איינציקער, וואָס זאָל צוריקקומען און דערציילן וואָס אייגנטלעך פּאַסירט מיט די אַלע מענטשן נאָך דער קרעמאַטאָריע. פּאַפּי איז אַוועק אויפֿן אויטאָמאָביל באַלד נאָכן אָנקומען אין אוישוויץ. מאַני זעט אים איצט קלאָר, ווי ער האָט אים געזען דעמאָלט. ס'איז דאָך נישט מעגלעך אַז פּאַפּי איז נאָך דער קרעמאַטאָריע געוואָרן אויס פּאַפּי. ערגעץ מוז ער דאָך זײַן. אַנישט, וואָלט ער, מאַני, דאָך נישט געקאָנט איצט אים זען, פּונקט ווי ער האָט אים געזען בשעת מען האָט זיי פֿונאַנדערגעשיידט אויף דער באַנראַמפּע.

אין די טויזנטער האָבן די נײַ געקומענע לעבן אים פֿאַרבײַגעשטראָמט אַרויף און אַראָפּ, אַהער און אַהין, ווי לאַנגע פֿעדעם אין אַ וועבמאַשין. זייערע פּנימער, וואָס זענען אים אַנטקעגנגעקומען האָבן זיך אַדורכגעפֿלאָכטן מיט די רוקנס וואָס האָבן זיך דערווײַטערט פֿון זײַנע אויגן. ער, מאַני, איז געשווומען אינעם געוועב ווי אַ דעפֿעקט.